ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# תצוה

אידיש

**820**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ל״ט-מ׳

## תצוה

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַ כוונה אין מדרש אויף דעם פסוק ״ואברהם זקן בא בימים״. - דער מענטש דאַרף ברענגען פאַרן אויבערשטן אַ חשבון פון אַלע זיינע טעג, אויב ער האָט אין זיי געלערנט תורה און מקיים געווען מצוות. - די מעשה פון יונה הנביא איז אַ רמז אויף דער נשמה פונעם מענטש. - וואָס דער מענטש גייט אַריבער ווען ער ווערט נפטר פון דער וועלט, און אַ תפילה ניצול צו ווערן דערפון.

די תפילה פון דוד המלך ע״ה ״ורוח נכון חדש בקרבי״ איז געווען ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון גלגול. - צוויי אופנים פון גלגול. - דער וואָס איז עובר אויף די מצוה פון השבת אבידה, ווערט מגולגל מיט אַ שווערן גלגול רח״ל. - אַ מעשה פון דער צייט פון אריז״ל. - די וויכטיקייט פון אָפּהיטן די אויגן פון זעהן אַ דבר איסור. - דער מענטש זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פון געבן צדקה.

# אינהאלט
## פון פרקים ל״ט - מ׳


א. דער פשט פון מדרש אויפן פסוק ואברהם זקן בא בימים..........ה

ב. דאָס וואָרט ״זקנה״ באַדייט לאַנגע יאָרן, און דאָס וואָרט ״ימים״ ווייזט אויף גוטע טעג..........ה

ג. פאַר דריי מענטשן האָט דער אויבערשטער געגעבן צו פאַרזוכן אויף דער וועלט דעם טעם פון עולם הבא..........ה

ד. ווען דער מענטש שטאַרבט, קומען אַלע טעג זיינע צו אַ חשבון פאַרן אויבערשטן..........ו

ה. פון אַלע זיינע יאָרן איז נישט אַדורכגעגאַנגען אַפילו איין טאָג וואָס ער האָט אין אים נישט געלערנט תורה און געטוהן מעשים טובים..........ז

ו. די טעג פון רשע שעמען זיך און באַהאַלטן זיך פון געגענען פאַרן אויבערשטן..........ז

ז. ער האָט זיך משלים געווען אין תורה און אין מצוות. עס איז אָבער מעגלעך אַז ער קומט נישט מיט עלטער, ווייל ער איז ליידער געשטאָרבן יונגערהייט..........ח

ח. דער מענטש דאַרף זען צו ברענגען אַלע זיינע טעג צו אַ חשבון פאַרן אויבערשטן..........ח

ט. דער מענטש איז געגליכן אויף דער וועלט ווי אַ שיף וואָס גייט אינמיטן ים און עס לויערן אויף איר פילע סכנות..........ט

י. דער אויבערשטער פאַרשווייגט אים נאָר ביז זיין מאָס פון זינד וועט פול ווערן..........ט

יא. ווען דער מענטש ליגט אויף דעם קראַנקן בעט הייבט אָן דער גייסט צו קלאַפּן אין אים צוליב זיין היץ..........י

יב. ווייל עס איז נאָענט דער טאָג ווען ער וועט זיך דאַרפן שיידן פון דער וועלט..........י

יג. זיי זיך מתוודה, און האַלט זיך נישט גרויס, ווייל דו זעסט דאָך אַז עס איז נאָענט דער טאָג פון טויט..........יא

יד. דער יצר איז מעורר דעם מענטש ווען ער איז אין אן עת צרה ח"ו ........ יא
טו. אין דער צייט ווען דער מענטש דערנענטערט זיך צו שטאַרבן איז אויך דער יצר הרע גוט ........ יב
טז. די מענטשן האָבן פּרובירט אומקערן די שיף צו דער טרוקעניש, אָבער זיי האָבן נישט געקענט ........ יב
יז. עס וואָלט פאַר אים געווען בעסער אויב ער וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן ........ יג
יח. דו זאָלסט מיר מוחל זיין און פאַרגעבן אויף אַלע זינד וואָס איך האָב געטוהן, סיי מיט מיינע אויגן, סיי וואָס איך האָב געזינדיקט מיט מיינע הענט און מיינע פיס ........ טו
יט. אין דעם פרק ווערן דערקלערט: די פאַרשידענע סיבות פאַרוואָס אַ מענטש ווערט מגולגל. - צוויי אופנים פון גלגול. - די וויכטיגקייט פון מצוות השבת אבידה. - אַ מעשה ווי אַזוי דער אריז"ל האָט ארויסגעטריבן אַ רוח פון אַ יונגען בחור. - מען דאַרף זיין געוואָרענט צו היטן די אויגן. - די וויכטיגקייט פון געבן צדקה. ........ טז
כ. צוויי אופנים פון גלגול ........ טז
כא. ווייל דער תענוג און נחת רוח וואָס די נשמה האָט אין גן עדן, איז בעסער פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט ........ יח
כב. יעדעס מאָל וואָס דער ווינט שאָקלט די בלעטער, ליידט ער גרויסע יסורים וואָס עס איז נישט צו שילדערן ........ יח
כג. ער ליידט דאָרטן מער צער ווי די שטראָף פון גיהנום ........ יט
כד. דער אריז"ל, טרייבט אַרויס אַ רוח פון אַ בחור ........ כ
כה. דו וועסט זעהן אַז איך בין גערעכט ........ כ
כו. דער איסור נישט צו קוקן אויף פרעמדע פרויען ........ כא
כז. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל פאַרשליסן דאָס מויל פון די מקטריגים ........ כב
כח. אין מענטשניס אויג זענען פאַראן פיר פאַרבן, אַנטקעגן די פיר אותיות פון שם הוי' ברוך הוא ........ כב
כט. דער מענטש זאָל זיך שטענדיג געוואוינען צו קוקן אויף הייליגע זאַכן ........ כג
ל. דאָס גרויסקייט פון געבן צדקה ........ כג

# פרק ל״ט

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט: דער פשט פון מדרש אויפן פסוק ואברהם זקן בא בימים.

**א. במדרש רבה,** אין מדרש רבה פרשת חיי שרה (פנ״ט, ו) אויף דעם פסוק (בראשית כד, א) ״וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים״, און אברהם איז אַלט געוואָרן, ער איז געקומען אין די טעג, זאָגט רבי אבא א פירוש דערויף, עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס איז אַלט אָן טעג, אָדער מיט טעג אָבער אָן אַן עלטער, אָבער ביי אברהם אבינו זענען געווען די טעג ווי די עלטער, און די עלטער ווי די טעג. אַזוי איז דער לשון פון מדרש. (דער מדרש האָט נישט קיין פירוש).

## דאָס וואָרט ״זקנה״ באַדייט לאַנגע יאָרן, און דאָס וואָרט ״ימים״ ווייזט אויף גוטע טעג

**ב. והנה נראה לי,** און עס געפעלט מיר צו זאָגן דעם פשוטן פשט פון דאָזיקן מדרש, דאָס וואָרט ״זקנה״ באַדייט לאַנגע יאָרן, און דאָס וואָרט ״ימים״ ווייזט אויף גוטע טעג.

**ג. והנה יש,** און עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס איז זוכה צו לאַנגע יאָרן און איז נישט זוכה צו גוטע טעג, ווייל ער לעבט איבער זיינע יאָרן אין צער און אין אָרימקייט און מיט צרות, און עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס ער איז זוכה צו גוטע טעג מיט רייכטום, ער האָט אַלעס גוטס, נאָר ער לעבט נישט לאַנג.

## פאַר דריי מענטשן האָט דער אויבערשטער געגעבן צו פאַרזוכן אויף דער וועלט דעם טעם פון עולם הבא

**ד. מה שאין כן,** אָבער אברהם אבינו עליו השלום האָט זוכה געווען צו אַן עלטער און צו גוטע טעג. דאָס איז דער פשוט׳ער פשט פון דעם מדרש, אַז אברהם אבינו האָט געהאַט אַ

גוטן חלק אויך אין עולם הזה, אַזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה זאָגן (בבא בתרא דף י״ז עמוד א׳) פאַר דריי מענטשן האָט דער אויבערשטער געגעבן צו פאַרזוכן אויף דער וועלט דעם טעם פון עולם הבא, דאָס זענען אברהם, יצחק, און יעקב, וואס ביי זיי שטייט ״בכל״, ״מכל״, און ״כל״.

**דאָס איז** דער טייטש פון פסוק ״וְאַבְרָהָם זָקֵן״, און אברהם איז אַלט געוואָרן, ״בָּא בַּיָּמִים״, און ער איז אויך געקומען מיט גוטע טעג. ער איז געווען אַ גרויסער עושר, און האָט געהאַט אַלדאָס גוטס.

**ה. אבל על פי,** אָבער לויט׳ן אמת האָב איך געהערט אין נאָמען פון הגאון מוה״ר יודיל זצ״ל, וואָס ער איז געווען דער רב און ריש מתיבתא אין דער שטאָט קאָוולע, וואָס ער האָט געזאָגט דעם פשט אין אויבן דערמאנטן מדרש ווי פאָלגענד, לויט ווי עס שטייט אין זוהר פרשת ויחי (דף רכ״א עמוד ב׳) אויף דעם פסוק וואָס שטייט ביי יעקב אבינו עליו השלום (בראשית מז, כט) ״וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת״, און עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון יעקב, וואָס ער הייסט ישראל, צו שטאַרבן.

## ווען דער מענטש שטאַרבט, קומען אַלע טעג זיינע צו אַ חשבון פאַרן אויבערשטן

**ו. והקשה הזוהר,** פרעגט דער זוהר אַ קשיא, שטאַרבט דען דער מענטש אין אַ סאַך טעג, ער שטאַרבט דאָך אין איין צייט? אויב אַזוי, פאַרוואָס שטייט אין פסוק ״און די טעג פון יעקב האָבן געגענט צו שטאַרבן״, איז דאָך משמע אַז ער איז געשטאָרבן אין פילע טעג?

**נאָר דער תירוץ איז,** אַזוי האָבן מיר געלערנט, ווען עס קומט די צייט פאַרן מענטש צו שטאַרבן קומען אַלע

זיינע טעג אָפּצוגעבן אַ חשבון פאַרן אויבערשטן, וואָס ער האָט אָפּגעטוהן יעדן טאָג, כדי עס זאָל נישט פעלן קיין איינער פון זיינע טעג.

## פון אַלע זיינע יאָרן איז נישט אַדורכגעגאַנגען אַפילו איין טאָג וואָס ער האָט אין אים נישט געלערנט תורה און געטוהן מעשים טובים

**ז. והנה כשאדם,** און אַז דער מענטש איז אַ צדיק, וואָס דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט איז אויסגעקריצט אין זיין האַרץ, יעדן טאָג איז זיין ליבשאַפט געוועזן צום אויבערשטן, און יעדן טאָג האָט ער געלערנט תורה און איז געוועזן אַ ירא שמים, און געטוהן מצוות און מעשים טובים, דאַן קומט יענער טאָג באַקרוינט און אָנגעקליידעט מיט שיינקייט. אַזעלכע טעג זענען ראוי צו גענענען פאַרן אויבערשטן, וואָס ער איז דער קעניג פון אַלע קעניגן, צו ווייזן די מעלה פון דעם צדיק, אַז פון אַלע זיינע יאָרן איז נישט אַדורכגעגאַנגען אַפילו איין טאָג וואָס ער האָט אין אים נישט געלערנט תורה און געטוהן מעשים טובים.

**דעריבער** זאָגט דער פסוק ״וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת״, אַלע טעג פון יעקב אבינו האָבן גענענט פאַרן אויבערשטן, ווייל זיי זענען אַלע געוועזן גוט.

## די טעג פון רשע שעמען זיך און באַהאַלטן זיך פון גענענען פאַרן אויבערשטן

**ח. מה שאין כן,** אָבער די רשעים וואָס קוקן זיך נישט אום צו דינען דעם אויבערשטן און זיי פאַרברענגען זייערע טעג מיט נאַרישקייטן, און גייען נאָך די גלוסטעניִשן פון זייער האַרץ, און טוען וואָס עס איז אומרעכט, אַזוי אַז ווען עס קומט זייער צייט צו שטאַרבן, באַהאַלטן זיך זייערע טעג און שעמען זיך צו קומען פאַרן אויבערשטן ברוך הוא. דאַן משפט מען אים מיט ביטערע יסורים

אויף דעם וואָס עס פעלט פון זיינע טעג לויט דעם חשבון פון זיינע לעבנס יאָרן, וואָס ער האָט אין זיי נישט געטוהן קיין מעשים טובים.

**ט. וזה שאמר,** און דאָס זעלבע איז דער פשט אין מדרש. עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס ער קומט אויף דער עלטער, דאָס מיינט מען אַ רשע, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אַ סאַך יאָרן אָבער ער איז נישט געקומען מיט זיינע טעג, ווייל ער האָט פאַרברענגט זיינע טעג מיט נאַרישקייטן. דעריבער באַהאַלטן זיך זיינע טעג און דערוויטערן זיך פון קומען פאַרן אויבערשטן.

## ער האָט זיך משלים געווען אין תורה און אין מצוות. עס איז אָבער מעגלעך אַז ער קומט נישט מיט עלטער, ווייל ער איז ליידער געשטאָרבן יונגערהייט

**עס איז** אָבער פאַראַן אַן ערלעכער איד, אַ חסיד, וואָס קומט מיט אַלע זיינע טעג פאַרן אויבערשטן, ווייל ער האָט זיך משלים געווען אין תורה און אין מצוות. עס איז אָבער מעגלעך אַז ער קומט נישט מיט עלטער, ווייל ער איז ליידער געשטאָרבן יונגערהייט.

**י. מה שאין כן,** אָבער אברהם אבינו עליו השלום האָט זוכה געווען צו אַן עלטער און ער איז געקומען מיט אַלע זיינע טעג. דאָס מיינט מען צו זאָגן, אַלע זיינע טעג זענען געקומען פאַרן אויבערשטן באַשיינט מיט גוטע מעשים. דאָס איז דער פשט פון דעם פסוק "וְאַבְרָהָם זָקֵן", ער האָט זוכה געווען צו אַן עלטער, און ער איז געקומען מיט אַלע זיינע טעג.

## דער מענטש דאַרף זען צו ברענגען אַלע זיינע טעג צו אַ חשבון פאַרן אויבערשטן

**יא. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש איבערטראַכטן אין זיין האַרץ ער זאָל זען אַז אַלע זיינע טעג זאָלן קענען קומען פאַרן אויבערשטן, ווייל פּלוצלונג ווערט ער אַריינגעכאַפּט אין דער נעץ פון

שטרויכלונג און שטאַרבט פלוצלונג, דעריבער זאָל ער תשובה טוהן יעדן טאָג. טראַכטן זאָל זיין האַרץ אַז אַלע רמזים וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט דאָס זענען די גופי תורה, די תורה איז פאַר אונז נאָר ווי אַ קלייד, די אַלע מעשיות וואָס שטייען אין דער תורה, ווייזן אָן אויף גרויסע סודות.

## דער מענטש איז געגליכן אויף דער וועלט ווי אַ שיף וואָס גייט אינמיטן ים און עס לויערן אויף איר פילע סכנות

**יב. וראוי שתדע,** און עס איז כדאי דו זאָלסט וויסן, אַז די מעשה פון יונה הנביא וואָס מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין ים און אַ פיש האָט אים איינגעשלונגען, דאָס אַלעס איז אַ רמז אויף דער נשמה, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת ויקהל (דף קצ״ט עמוד א׳) יונה הנביא וואָס האָט גענידערט אין דער שיף אַריין, דאָס איז אַ רמז אויף דער נשמה וואָס איז געגליכן צו אַ טויב און זי נידערט אַראָפּ אינעם גוף פון דעם מענטש, און דער מענטש איז געגליכן אויף דער וועלט צו אַ שיף וואָס גייט אינמיטן ים און עס לויערן אויף איר פיל סכנות. דאָס זעלבע זענען אויפן מענטש אויך דאָ אַ סאַך מקטריגים וואָס זענען מקטרג יעדן טאָג אויף דעם מענטש ביים בית דין של מעלה, צוליב זיינע זינד.

## דער אויבערשטער פאַרשווייגט אים נאָר ביז זיין מאָס פון זינד וועט פול ווערן

**יג. והאדם,** און דער מענטש טראַכט נישט וועגן די דאָזיקע זאַכן אין זיין האַרץ, ווייל ער האָט געמערט איין זינד אויף דער אַנדערער. ער מיינט אַז ער וועט נישט דאַרפן אפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר אַלע זיינע מעשים, און גלייך ווי עס איז אין הימל ח״ו נישט פאַראַן אַ השגחה אויף זיינע שלעכטע מעשים. אָבער דער אמת איז, אַז דער אויבערשטער פאַרשווייגט אים נאָר ביז זיין מאָס פון זינד

וועט פול ווערן, דאַן וועט אויף אים זיך שטאַרקן דער שווערער דין ח״ו, און פלוצלונג ווערט אויף אים נגזר אַ צאָרן פון דעם אויבערשטן.

## ווען דער מענטש ליגט אויף דעם קראַנקן בעט הייבט אָן דער גייסט צו קלאַפּן אין אים צוליב זיין היץ

**דערמיט איז** דער מענטש גלייך צו דעם שטורעם ווינט וואָס איז פלוצלונג געקומען אויף יונה׳ס שיף, און האָט אַלעמאָל מער געשטורעמט און געוואָלט צעברעכן די שיף. אַזוי אויך די גזירה וואָס קומט פלוצלונג אויף דעם מענטש און מאַכט שטורעמען דעם גאַנצן גוף, און ער ווערט דערהיצט און ווערט קראַנק און אַ שלאָף פאַלט אויף אים, ענליך צו דעם וואָס עס שטייט ביי יונה (יונה א, ה) ״וְיוֹנָה יָרַד אֶל יַרְכְּתֵי הַסְּפִינָה וַיֵּרָדַם״, און יונה האָט אַראָפּגענידערט צו די זייטן פון דער שיף און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און ווען דער מענטש ליגט אויף דעם קראַנקן בעט הייבט אָן דער גייסט צו קלאַפּן אין אים צוליב זיין היץ.

## ווייל עס איז נאָענט דער טאָג ווען ער וועט זיך דאַרפן שיידן פון דער וועלט

**טו. וזהו היצר הרע,** און דאָס איז דער יצר הרע, וואָס ער דערוועקט דעמאָלס דאָס האַרץ פון דעם מענטשן אַז ער זאָל זיך נישט פוילן פון מהרהר צו זיין בתשובה, ווייל עס איז נאָענט דער טאָג ווען ער וועט זיך דאַרפן שיידן פון דער וועלט.

**דאָס מיינט** דער פסוק צו זאָגן (שם שם, ו) ״וַיִּקְרַב אֵלָיו רַב הַחֹבֵל״, און עס האָט זיך דערנענטערט צו אים דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, דאָס מיינט מען דעם יצר הרע וואָס פירט דעם גוף אַזוי ווי דער קאַפּיטאַן פירט די שיף.

**זיי זיך מתוודה, און האַלט זיך נישט גרויס, ווייל דו זעסט דאָך אַז עס איז נאָענט דער טאָג פון טויט**

**"וַיֹּאמֶר לוֹ"**, און ער זאָגט צו אים, "מַה לְּךָ נִרְדָּם?" - פאַרוואָס שלאָפסטו? שטיי אויף און רוף צו דיין ג-ט, און ווי עס שטייט דאָרט ווייטער אין פסוק. עס איז איצט נישט די צייט צו שלאָפן, ווייל מען וועט דיך דאָך נעמען צו אַ משפט אויף דעם אַלעם וואָס דו האָסט געטוהן אויף דער וועלט, און זעה זיך מתוודה צו זיין פאַר דיין באַשעפער. געדענק וואָס דו האָסט געטוהן אויף דער וועלט, וויפיל פאַלשקייט האָסטו אַריינגעלייגט אין דיין אַרבעט און אין דיין פרנסה. זיי זיך מתוודה, און האַלט זיך נישט גרויס, ווייל דו זעסט דאָך אַז עס איז נאָענט דער טאָג פון טויט. וואַרף אַוועק די גאווה און גרויסהאַלטעריי, און געדענק אַז די ביזט באַשאַפן געוואָרן פון אַ טיפה סרוחה.

**דער יצר איז מעורר דעם מענטש ווען ער איז אין אַן עת צרה ח"ו**

**טז. וזהו שאמר** און דאָס מיינט דער פסוק צו זאָגן (שם) "וּמֵאַיִן תָּבֹא", און פון וואַנעט קומסטו? געדענק פון וואו דו ביזט באַשאַפן געוואָרן, פון דער ערד, "וּמָה אַרְצֶךָ", און וואָס איז דיין לאַנד, דאָס מיינט מען, דו וועסט צוריקגעקערט ווערן צו דער ערד. "וְאֵי מִזֶּה עַם אָתָּה", און פון וואָס פאַראַ פאָלק ביזטו, דאָס מיינט מען, טראַכט אַריין אויב דו האָסט זכות אבות וואָס זאָל אויף דיר באַשיצן איצט ווען דו געפינסט זיך אין אַן עת צרה. דאָס אַלעס איז אַ התעוררות פון דעם יצר, וואָס ער איז מעורר דאָס האַרץ פון דעם מענטש ווען ער איז קראַנק.

## אין דער צייט ווען דער מענטש דערנענטערט זיך צו שטאַרבן איז אויך דער יצר הרע גוט

**דאָס איז** דער פשט פון דעם מדרש רבה אין פרשת בראשית (פ״ט, י) ״וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד״ (בראשית א, לא), דאָס מיינט מען דעם מלאך המות. פאַרן זאָגט דאָרט דער מדרש, ״טוֹב מְאֹד״ מיינט מען דעם יצר הרע. די כוונה דערפון איז, אַז אין דער צייט ווען דער מענטש דערנענטערט זיך צו שטאַרבן איז אויך דער יצר הרע גוט, ער איז דעמאָלטס מעורר דעם מענטש תשובה צו טוהן און זיך מתוודה זיין.

## די מענטשן האָבן פּרובירט אומקערן די שיף צו דער טרוקעניש, אָבער זיי האָבן נישט געקענט

**אין יענער** צייט זיצט דער בית דין של מעלה, און די גוטע מלאכים זענען מלמד זכות אויף דעם מענטש, און די מקטריגים זאָגן אויף אים שלעכטס. אויב עס ווערט נגזר אויף אים צו זכות, דאָס מיינט ער זאָל בלייבן לעבן, איז גוט, און אויב עס ווערט נגזר ער זאָל ח״ו שטאַרבן דאַן שטייט אין פּסוק וועגן די מלאכים וואָס האָבן אים געוואָלט ראַטעווען ער זאָל בלייבן לעבן, זאָגט אויף זיי דער פּסוק (יונה א, יג) ״וַיַּחְתְּרוּ הָאֲנָשִׁים לְהָשִׁיב אֶל הַיַּבָּשָׁה וְלֹא יָכֹלוּ״ - און די מענטשן האָבן פּרובירט אומקערן די שיף צו דער טרוקעניש, אָבער זיי האָבן נישט געקענט. דאָס מיינט מען, די מליצים האָבן אים געוואָלט ראַטעווען פון טויט אָבער האָבן נישט געקענט, ווייל עס איז נגזר געוואָרן פון בית דין של מעלה אַז דער מענטש זאָל שטאַרבן.

**און דעמאָלטס** גייען אַרויס דריי מלאכים. איינער שרייבט אויף אַלע זיינע מצוות און אַלע זיינע עבירות. איין מלאך נעמט דעם חשבון פון די טעג לויט די יאָרן וואָס ער האָט געלעבט, אַז אַלע טעג זאָלן אַריינקומען אינעם חשבון, ווי עס ווערט פריער דערמאָנט, און נאָך אַ מלאך וואָס איז געוועזן מיט אים פון דעם טאָג

ווען זיין נשמה איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין זיין גוף אין די געדערים פון זיין מוטער.

**די גזירה** ווערט נישט אָפּגעשטילט ביז ער שטאַרבט, אַזוי ווי עס שטייט ביי יונה (שם שם, טו) ״וַיִּשְׂאוּ אֶת יוֹנָה״, און זיי האָבן געטראָגן יונה׳ן, דאָס איז אַ רמז אַז דעם מענטש טראָגט מען אויך צום בית הקברות.

## עס וואָלט פאַר אים געווען בעסער אויב ער וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן

**יז. ואז,** און דעמאָלטס ווערן אויסגערופן די כרוזים פאַר דער מטה אויף וועלכע מען טראָגט אים, און ווען מען טראָגט אים, אויב ער איז אַ צדיק, רופט מען אויס, גיט אָפּ כבוד צו דעם צדיק, ״יָבוֹא שָׁלוֹם״ וגו׳ (ישעיה נז, ב), ער זאָל קומען מיט פרידן וכו׳. דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (שם נח, ח) ״וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ״, און דיין צדקות וועט גיין פאַר דיר, דאָס מיינט מען פאַר דיין מטה. און אויב ער איז ח״ו פאַרשמירט מיט זינד, רופט מען אויס אויף אים, ווייז איז פאַרן דאָזיגן מענטש, עס וואָלט פאַר אים געווען בעסער אויב ער וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן.

**ווייטער שטייט** דאָרט אין פסוק (יונה שם, טו) ״וַיְטִלֻהוּ אֶל הַיָּם וַיַּעֲמֹד הַיָּם מִזַּעְפּוֹ״, זיי האָבן דעם יונה אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין, און דער שטורעם האָט זיך אפגעשטילט, און אַ פיש האָט איינגעשלונגען יונה, און ער איז געווען דריי טעג אינעם פיש. דערנאָך האָט אים דער פיש געמוזט אַריינגעבן אין אַן אַנדערן פיש.

**דאָס איז** אַ רמז אַז ווען מען פירט אַרויס דעם געשטאָרבענעם מענטש אויפ׳ן בית הקברות, מען לייגט אים אַריין אין קבר, אין די ערשטע דריי טעג ווערן זיינע געדערים געשפּאָלטן, און נאָך דריי טעג קערט מען איבער זיין מיאוסקייט אויף זיין פנים. מען

זאָגט אים, נעם וואָס דו האָסט מיר געגעבן, דו האָסט געגעסן און געטרונקען, און דו האָסט נישט געגעבן צו אַן אָרימאַן. יעדער טאָג איז ביי דיר געווען ווי אַ יום טוב, אָבער די אָרימעלייט זענען געווען הונגעריג, און האָבן נישט געגעסן מיט דיר, נעם וואָס דו האָסט מיר געגעבן. דאָס שטייט אין פסוק (מלאכי ב, ג) ״וְזֵרִיתִי פֶרֶשׁ עַל פְּנֵיכֶם וגו׳״, איך וועל צוריקוואַרפן דאָס מיסט אויף אייער פנים.

**יח. לבתר דא,** דערנאָך קומען מלאכים ממונים און קערן צוריק די נשמה אין גוף אַריין, און זי געפינט זיך אין דעם גוף ביז דרייסיג טעג. אין די דאָזיקע צייט ווערט ער גע׳משפט מיט שווערע און ביטערע יסורים, און דער אָנהויב דערפון איז וואָס ער ווערט גע׳משפט אויף די עבירות וואָס ער האָט געטוהן. מען משפט אים אין וועגן זיינע אויגן, און דערנאָך וועגן די הענט און פיס, און וועגן גאַנצן גוף מיט אכזריות׳דיקע שלעק. און נאָך דרייסיג טעג גייט זיין נשמה אַרויף אויפ׳ן הימל צו געבן אַ חשבון און צו באַקומען די שטראָף פון גיהנום, און דער גוף ליידט שווערע יסורים דורך די ווערים, און זיבן שווערע דינים גייען אַריבער אויף דעם מענטש ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט.

**א)** ווען די נשמה גייט אַרויס פון דעם גוף.

**ב)** ווען מען טראָגט אים אויפ׳ן בית הקברות, און מען רופט אויס די כרוזים מיט די שלעכטע מעשים וואָס דער מענטש האָט געטוהן. אָך און וויי איז צו דער שאַנד און פאַרשעמונג.

**ג)** ווען מען לייגט אים אַריין אין קבר.

**ד)** וואָס ער ליידט אין די ערשטע דרייסיג טעג.

**ה)** די ווערים וואָס עסן דעם גוף.

**ו)** דער דין פון דעם גיהנום.

**ז)** וואָס די נשמה ווערט אַרויסגעשטויסן פון דעם הייליגן היכל, און זי גייט און נידערט אַראָפּ אויף די וועלט און געפינט נישט קיין אָרט צו רוהען ביז עס ווערן אָפּגעמעקט אירע אַלע זינד.

**דעריבער** דאַרף יעדער מענטש געדענקען וויפיל געעשעענישן וועלן אויף אים אריבערגיין, וויפיל יסורים און וויפיל ציטערניש וועט ער האָבן ביז זיין נשמה וועט קומען צו איר רוה.

## דו זאָלסט מיר מוחל זיין און פאַרגעבן אויף אַלע זינד וואָס איך האָב געטוהן, סיי מיט מיינע אויגן, סיי וואָס איך האָב געזינדיקט מיט מיינע הענט און מיינע פיס

**און דעריבער** שטייט אין זוהר (פרשת ויקהל שם, דף קצ״ט עמוד א׳) אַ מענטש דאַרף שטענדיק מתפלל זיין און זאָגן אין תהלים די קאפיטלען ק״ג און ק״ד, און דערנאָך זאָל ער זאָגן ״יהי רצון מלפניך״, עס זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר, ג-ט, מיין ג-ט און דער ג-ט פון מיינע עלטערן, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין און פאַרגעבן אויף אַלע זינד וואָס איך האָב געטוהן, סיי מיט מיינע אויגן, סיי וואָס איך האָב געזינדיקט מיט מיינע הענט און מיינע פיס, און אַז עס וועט קומען מיין צייט צו שטאַרבן און איך וועל דיך דעמאָלס נישט קענען לויבן און תשובה טוהן, דעריבער בעט איך דיך היינט אַז דו זאָלסט מיך נישט שטראָפן נאָך מיין טויט, און מיין נשמה זאָל קומען אין גן עדן אַריין אָן קיין מורא און פאַרכט, און מיין נשמה זאָל דיך לויבן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קד, לה) ״בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה׳ הַלְלוּיָ-ה״, מיין לייב טוט לויבן דעם אויבערשטן, אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק מ׳

**אין דעם פרק ווערן דערקלערט: די פאַרשידענע סיבות פאַרוואָס אַ מענטש ווערט מגולגל. - צוויי אופנים פון גלגול. - די וויכטיגקייט פון מצוות השבת אבידה. - אַ מעשה ווי אַזוי דער אריז״ל האָט ארויסגעטריבן אַ רוח פון אַ יונגען בחור. - מען דאַרף זיין געוואָרענט צו היטן די אויגן. - די וויכטיגקייט פון געבן צדקה.**

**א. לֵב טָהוֹר,** דער פסוק זאָגט (תהלים נא, יב) ״לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי״, באַשאַף מיר אַ ריין האַרץ און אַ נייעם גייסט זאָלסטו באַנייען אין מיר. טייטשט דער אלשיך הקדוש, אַז דוד המלך ע״ה האָט געבעטן אַז ער זאָל נישט מגולגל ווערן, ווייל דער מענטש וואָס איז נישט מקיים אַלע מצוות אויף דער וועלט מוז ער מגולגל ווערן אין אַן אַנדערן מענטש, כדי מתקן צו זיין די גוטע מעשים וואָס ער האָט פאַרפעלט אויף דער וועלט, און אויף דעם האָט דוד המלך ע״ה מתפלל געווען, אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון גלגול, און ער האָט געזאָגט, ״וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי״, אַ נייעם גייסט זאָלסטו באַנייען ״אין מיר״, און נישט דורך מגלגל זיין מיין נשמה אין אַן אַנדערן מענטש, וואָס איך וועל דאַרפן שטאַרבן און מגולגל ווערן אין אַן אַנדערן.

## צוויי אופנים פון גלגול

**דער מענטש** דאַרף אָבער וויסן אַז דער ענין פון גלגול איז איינגעטיילט אויף צוויי אופנים:

**ב. האחד,** דער ערשטער אופן איז, דער מענטש דאַרף נישט נויטיק שטאַרבן אַז זיין נשמה זאָל מגולגל ווערן אין אַן אַנדערן מענטשן, נאָר נאָך ביי זיין לעבן קומט אַ נשמה אַריין אין זיין גוף, כאָטש דער גוף האָט שוין איין נשמה, קומט צו אים אַריין נאָך אַ

נשמה, אוןביידע נשמות צוזאַמען, די נייע נשמה מיט זיין אייגענע נשמה, זענען באַהאַפטן אין אים אַזוי ווי דאָס קינד איז באַהאָפטן אין דער פרוי וואָס איז מעוברת.

**ג. ועל כן,** און דעריבער ווערט עס אָנגערופן גלגול, ווייל אַזוי ווי אַ קינד איז פאַרהוילן אין דער מוטער בשעת זי איז מעוברת, אַזוי אויך די נייע נשמה, איז פאַרהוילן אין זיין אַלטע נשמה ביז ער וועט פאַרריכטן דאָס וואָס ער האָט געזינדיקט, און דערנאָך גייט די נייע נשמה צו איר אָרט וואָס איז פאַר איר ראוי אין גן עדן.

**ד. וזה הגלגול,** און דער דאָזיקער גלגול איז נישט זייער האַרב, אָבער אַז דער מענטש זינדיקט מיט גרויסע עבירות, האָט ער נישט קיין אַנדערן תיקון נאָר ער מוז פריער שטאַרבן און די נשמה מוז קומען אין אַ קליין קינד בשעת ער ווערט באַשאַפן, און בלויז די נשמה אַליין איז אין דעם קינד, און זי מוז וואַרטן ביז דאָס קינד ווערט גרויס, כדי ער זאָל איר קענען מתקן זיין, און אַמאָל קען נאָך זיין אַז נישט געענוג וואָס ער איז זי נישט מתקן, נאָר אדרבה, ער איז זי נאָך מער מטמא און איז גורם פאַר איר גרויסע פלעקן אין איר נשמה, דורך די עבירות וואָס ער טוט, און דאָס איז זעהר שלעכט פאַר דער נשמה.

**ה. והנה יש,** און עס איז פאַראַן אַ מצוה וואָס דעם מענטש דאַכט זיך אַז אויב ער וועט זי נישט האַלטן וועט די שטראָף זיין גרינג, אָבער אין אמת איז איר שטראָף זייער האַרב, און דאָס איז די מצוה פון אומקערן אַן אבידה, אַ חפץ וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן פון דעם בעל הבית, וואָס ווען ער זעט אַ זאַך וואָס זיין חבר האָט פאַרלוירן, און ער פלייסט זיך נישט אים אומצוקערן די זאַך, דאַרף ער מגולגל ווערן אין אַ קינד וואָס איז אין זיין מוטער׳ס לייב, און ער מוז דאָרט ליידן גרויסע יסורים ביז דאָס קינד ווערט גרויס, כדי צוריקצוקערן צו דעם זעלבן מענטש אָדער צו זיינע קינדער די אבידה

וואָס ער האָט אין ערשטן גלגול זי נישט אפגעגעבן, און ער קומט נישט אין דעם גרינגן גלגול, וואָס די נייע נשמה ווערט פאַרהוילן אין זיין אַלטע נשמה, אַזוי ווי עס שטייט אין ספר הגלגולים פון דעם אריז״ל, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא שטראָף דעם מענטש מדה כנגד מדה.

## ווייל דער תענוג און נחת רוח וואָס די נשמה האָט אין גן עדן, איז בעסער פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט

**ו. ועל כן,** און דעריבער, יעדער איינער וואָס האָט מורא פון דעם אויבערשטן, זאָל מתפלל זיין אַז ער זאָל ניצול ווערן פון די גלגולים, ווייל מענטשן דאַכט זיך אַז דער עונש פון גלגול איז גרינג. אָבער דער וואָס איז פאַרשטענדליך, זאָל פאַרשטיין און זען אַז אַפילו אויב ער וועט מגולגל ווערן אין אַ צדיק, וואָלט נאָך אַלץ בעסער געוועזן פאַר אים אויב ער וואָלט געוועזן אין זיין רוה-אָרט, ווייל דער תענוג און נחת רוח וואָס די נשמה האָט אין גן עדן, איז בעסער פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט, און אַוודאי געוויס אַז דער מענטש ווערט מגולגל אין איין אָרט, דהיינו אויב די נשמה ווערט מגולגל אין אַ שטיין, צום ביישפיל, דער מענטש וואָס געוואוינט זיך צו רעדן לשון הרע, ווערט מגולגל אין אַ שטיין וואָס ליגט אויפן פעלד, און דאָרט געפינט ער זיך אין לויטער פינסטערניש, אָן קיין שום ליכטיגקייט.

## יעדעס מאָל וואָס דער ווינט שאָקלט די בלעטער, ליידט ער גרויסע יסורים וואָס עס איז נישט צו שילדערן

**און דער** מענטש וואָס איז נישט מקפיד אויף וואָס ער עסט, ער עסט ספק טריפות, ווערט ער מגולגל אין די בלעטער פון אַ בוים, און יעדעס מאָל וואָס דער ווינט שאָקלט די בלעטער, ליידט ער גרויסע יסורים וואָס עס איז נישט צו שילדערן.

## ער ליידט דאָרטן מער צער ווי די שטראָף פון גיהנום

**דער פרנס** פון אידן וואָס האַלט זיך גרויס אויפ׳ן ציבור, ווערט מגולגל אין אַ בין, און דאָרט ווערט ער געֿמשפט יעדע מינוט. ער ליידט דאָרטן מער צער ווי די שטראָף פון גיהנום, ווייל ער איז צוגעבונדן אין אַזאַ ענגען אָרט, און דאָס איז נאָר דער עונש פאַר גאווה אַליין. אָבער טאָמער טוט ער נאָך שלעכטס דורך זיין גאווה, צום ביישפּיל, ער פאַרשעמט די מענטשן וואָס קומען פאַר אים מיט פאַרשידענע פאַרשעמונגען, אָדער אַנדערע שלעכטע מעשים, זענען אויף דעם פאַראַן אַנדערע שטראָפן, וואָס זענען אַרויסגעשריבן אין די ספרים פון די מקובלים, וואָס דער אויבערשטער זאָל אונז היטן פון זיינע שטראָפן.

**דער מענטש** וואָס לויפט נאָך עריות, ווערט מגולגל אין אַ בעל עבירה, און דורכדעם ווערט אים פאַרמערט נאָך טומאה אויף זיין טומאה, און אַ בראָך ווערט צוגעלייגט צו זיין פריערדיגע בראָך, און זיין בראָך איז אַזוי גרויס ווי דער ים. מען קען נישט שילדערן די שווערע יסורים און ווייטאָגן וואָס ער ליידט. אַזוי אויך די אַנדערע גלגולים וועלן באַשריבן ווערן אין די קומענדיגע פרקים, מיטן באַשעפער׳ס הילף.

**און אַוודאי** געוויס די נשמות וואָס ווערן מגולגל אין טמא׳נע בהמות אָדער אין טמא׳נע עופות, וואָס זיי זיצן אין דער פינצטער אין צער און זיי ליידן שווערע און ביטערע יסורים רחמנא ליצלן, ווייל זייערע געדערים שטינקען זעהר שטאַרק, און אין יעדע צייט ליידן זיי צער ממש יסורים וואָס זענען פיל ערגער פון דעם גיהנום, און נאָך די אַלע גלגולים ווערט ער פאָרט נישט ניצול פון דעם גיהנום.

## דער אריז״ל, טרייבט אַרויס אַ רוח פון אַ בחור

**זעה וואָס** איך האָב געפונען באַשריבן אין נאָמען פון דעם אריז״ל. אין צפת איז געוועןן אַ בחור, אַ שוועסטער׳ס זוהן פון ר׳ יהושע הרופא. ווען ער איז אַלט געוועןן 18 יאָר, האָט ער געלערנט אין דער ישיבה.

**איינמאָל** האָט דער אריז״ל געקוקט אויף דעם בחור און האָט געזאָגט צו זיין פאָטער, אין דיין זוהן איז פאַראַן אַ רוח, זעה צו געפינען פאַר אים אַ הילף, און דו זאָלסט נישט שוינען קיין געלט.

## דו ווערסט זעהן אַז איך בין גערעכט

**האָט דער** פאָטער פון דעם בחור געענטפערט דעם אריז״ל, חס ושלום אַז ער זאָל האָבן אַ רוח, נאָר עס איז שוין צוויי יאָר וואָס דאָס האַרץ טוט אים וויי, און יעדעס מאָל ווען זיין האַרץ ווערט שטאַרק פאַרחלש׳ט גיט רבי יהושע דער רופא פאַר אים רפואות און ער ווערט געהיילט צייטווייליג, אָבער דערנאָך קומט צו אים צוריק דער ווייטאָג. האָט דער אריז״ל געזאָגט צו דעם בחור׳ס פאָטער, דו ווערסט זעהן אַז איך בין גערעכט.

**אין אַ קורצע צייט** אַרום האָט דער רוח זיך אַרויסגעוויזן אין דעם בחור, זענען זיינע עלטערן געקומען און געלאָזט וויסן דעם אריז״ל. האָט דער אריז״ל געפרעגט דעם רוח, אויף וואָס פאַראַ אופן איז ער אַריינגעקומען אין דעם בחור? האָט דער רוח געענטפערט, איך האָב געוואוינט אין רומי אינאיינעם מיט אַן אָרימאַן וואָס ער פלעגט זיך מפרנס זיין פון צדקה.

**אַמאָל האָט** דער אָרימאַן נישט געהאַט אין זיין היים קיין ברויט און שפייז, האָט דער אָרימאַן פון מיר געבעטן אַז איך זאָל אים געבן ברויט, אָבער איך האָב אים נישט געוואָלט געבן. איז דער אָרימאַן געשטאָרבן פון הונגער פאַר מיינע אויגן, און דעריבער האָט

דאָס בית דין של מעלה גוזר געווען אַז איך זאָל שטאַרבן אַזוי ווי דער אָרימאַן איז געשטאָרבן.

**אַזוי** איז טאַקע געווען. ביז אַ קורצע צייט זענען געקומען גזלנים און האָבן מיך גע'הרג'עט. דערנאָך בין איך באַלד אַריין אין דעם בחור.

## דער איסור נישט צו קוקן אויף פרעמדע פרויען

**האָט דער** אריז״ל אויף אים גוזר געווען אַז ער זאָל באַלד אַרויסגיין פון דעם בחור אָן קיין שום שאָדן חס וחלילה. האָט דער רוח געענטפערט, אויב דו ווילסט אַז איך זאָל אַרויסגיין פון דעם בחור, וועל איך מאַכן מיט דיר אַ תנאי, דער תנאי וועט זיין, אַז נאָך דעם וואָס איך גיי אַרויס פון דאָ, זאָל דער בחור נישט זעהן קיין שום נקיבה דריי טעג. אויב ער וועט עובר זיין אויף דעם תנאי, וועל איך אים הרג'ענען.

**איז דער רוח** אַרויסגעגאַנגען פון דעם בחור, און דער אריז״ל האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל דעם בחור היטן, ער זאָל זיצן אין בית המדרש און מען זאָל אים נישט לאָזן אַרויסגיין פון דעם בית המדרש, און קיין שום פרוי זאָל נישט קומען אין בית המדרש אַריין, ווייל דער רוח לויערט אויף אים צוליב דעם תנאי וואָס ער האָט זיך אויסגענומען אַז דער בחור זאָל דריי טעג נישט זעהן קיין פרוי.

**צום דריטן** טאָג איז דער גדול הדור מוה״ר חיים וויטאַל ז״ל אַרויסגעגאַנגען פון בית המדרש צו טוהן אַ דבר מצוה, וואָס ער האָט געטוהן אין ראש חודש, און ער האָט איבערגעלאָזט אויף זיין אָרט זיין שוועסטער קינד רבי יהושע הרופא, אַז ער זאָל היטן דעם בחור. דערווייל איז רבי יהושע אויך אַוועקגעגאַנגען טוהן אַ דבר מצוה, און האָט געלאָזט דעם בחור אַליין אין בית המדרש.

**דערנאָך זענען** געקומען די מוטער און די מומע פון דעם בחור אין בית המדרש אַריין, כדי אים צו זעהן, און זיי האָבן

אים געקושט. איז דער רוח תיכף אַריינגעקומען אין דעם בחור און האָט אים דערוואָרגן, און ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז מען זאָל נישט זאָגן אַז די אידן האָבן אים גע׳הרג׳עט, האָט דער אריז״ל געמאַכט קפיצת הדרך אויף צוויי שטעקנס און איז געגאַנגען מיט זיינע תלמידים קיין טבריא אין איין מינוט.

## דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל פאַרשליסן דאָס מויל פון די מקטריגים

**עס איז** געווען בין השמשות, די צייט צווישן טאָג און נאַכט. דער אריז״ל האָט דאָרט מתפלל געווען אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל פאַרשליסן דאָס מויל פון די מקטריגים אַז זיי זאָלן נישט קענען מסר׳ן אים מיט זיינע תלמידים פאַרן שררה, און אַזוי איז געווען. דערנאָך האָט דער אריז״ל זיך צוריקגעקערט קיין צפת תבנה ותכונן במהרה בימינו.

**דעריבער** זאָל דער מענטש זעהן ווי גרויס עס איז די שטראָף אויב מען קוקט אויף פרעמדע ווייבער, ווייל מה דאָך דער בחור וואָס האָט נאָר געקוקט אויף זיין מוטער און זיין מומע, זעה וואָס מיט אים איז געשען. איז דאָך אַוודאי דער וואָס קוקט אויף פרעמדע ווייבער, באַקומט אַוודאי אַ גרויסע שטראָף.

## אין מענטשנ׳ס אויג זענען פאַראַן פיר פאַרבן, אַנטקעגן די פיר אותיות פון שם הוי׳ ברוך הוא

**און אויף** דעם האָבן די חז״ל געזאָגט (אבות פרק א, משנה ה) ״כל המרבה שיחה עם אשה גורם רעה לעצמו״, דער וואָס מערט צו רעדן מיט אַ פרוי, איז גורם שלעכטס פאַר זיך. דעריבער איז זעהר וויכטיג פאַר יעדן מענטש זיך צוצוגעוואוינען נישט צו קוקן ווייט, נאָר ער זאָל זיך געוואוינען אַז זיינע אויגן זאָלן קוקן אויף דער ערד, און אַזוי פלעגן די אַמאָליגע חסידים זיך פירן, אַז זיי האָבן שטענדיג געהאַלטן די אויגן אַראָפּ און האָבן געקוקט אויף דער ערד,

און האָבן אינזינען געהאַט מייחד צו זיין דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט זיין שכינה, ווייל די אויגן האָבן פיר פאַרבן, וואָס זיי זענען מרמז אויף די פיר אותיות פון דעם שם הוי' ברוך הוא (תיקוני זוהר, תיקון ע'), און די שכינה איז אַ רמז אויף דער ערד, זי ווערט אָנגערופן "ארץ הקדושה", וואָס איז הייליגער פון אַלע לענדער, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קא, ו) "עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי", מיינע אויגן זענען געוואָנדן צו די באַגלויבטע מענטשן פון דער ערד צו זיצן מיט מיר, אָבער דער מענטש וואָס הייבט אויף זיינע אויגן און קוקט מיט גאווה אויף דעם וואָס עס גלוסט אים, זאָגט אויף אים דער אויבערשטער ברוך הוא, ער קען זיך נישט באַהעפטן מיט מיר, און דער וואָס איז מפקיר זיינע אויגן צו זעהן וואָס מען טאָר נישט, ברענגט אויף זיך די סטרא אחרא און איז גורם אויף זיך פיל שלעכטס רחמנא ליצלן, אַז ער זאָל זיין אַ רע עין, אַ מענטש מיט אַ בייז אויג, און דער מענטש וואָס האָט אַ בייז אויג איז גורם אַ קללה אויף זיך און אויף אַנדערע מענטשן, ווייל מיט זיינע אויגן גיט ער פאַר מענטשן אַן עין הרע.

## דער מענטש זאָל זיך שטענדיג געוואוינען צו קוקן אויף הייליגע זאַכן

**אונזערע חכמים** האָבן געזאָגט (בבא מציעא דף ק"ז עמוד ב') 99 פראָצענט מענטשן שטארבן פון אַן עין הרע, און בלויז אַ הונדערטסטל חלק שטאַרבן מיט אַ נאָרמאַלן טויט. מיט די ווערטער "עין הרע" מיינען זיי צו זאָגן דורכדעם וואָס דער מענטש קוקט אויף פלעצער וואו ער טאָר נישט קוקן, ער איז גורם דאָס דער מענטש זאָל זיך שטענדיג געוואוינען צו קוקן אויף הייליגע זאַכן, אַזוי ווי איך האָב שוין געשריבן אינעם ערשטן פרק פון דאָזיגן ספר.

## דאָס גרויסקייט פון געבן צדקה

**ונלמוד עוד,** אויך לערנען מיר פון דעם דאָזיגן פרק, אַז דער מענטש זאָל נישט פאַרהוילן זיינע אויגן פון צדקה, ווייל מיר

זעהען דאָך אַז דורך דעם וואָס דער רוח האָט נישט געגעבן צו עסן פאַרן אָרימאַן, און דער אָרימאַן איז געשטאָרבן פאַר זיינע אויגן, דעריבער איז ער אויך גע'הרג'עט געוואָרן, און צוליב דער דאָזיקער עבירה האָט ער געמוזט גע'משפט ווערן אינעם שליידער שטיין וואָס ווערט אָנגערופן "כף הקלע", און האָט געמוזט ווערן אַ רוח, אַזוי ווי עס שטייט אויבן.

**דעריבער** דאַרף יעדער מענטש רחמנות האָבן אויף אָרימעלייט, און ער זאָל אַריינברענגען זיין האַרץ און זיינע אויגן און זיינע אַנדערע איברים אין דער קדושה, און דאַן וועט ער זוכה זיין צו זעהן קלאָר אויג אויף אויג די הייליגע שכינה דריי מאָל אין יאָר, אמן.